# Y. Rolnik

(1879–1955)



*Yoysef (Joseph) Rolnick*

BORN IN ZHUKOVICH, A VILLAGE IN Minsk province, Byelorussia (Jewish Lithuania), where his father rented a large water mill. Rolnik studied with a private tutor and in the Mir yeshiva. From 1895 to 1898, he lived in Minsk. Wrote poetry in Russian, Hebrew, and Yiddish. He immigrated to America in 1899, left in 1901 for England and Russia, and returned to the United States for good in 1906. For many years, the poet worked as a proofreader on the daily *Der Tog* ("The Day"). Often ill, he was in sanatoriums on several occasions. Published Yiddish poetry with poets of the Young Generation.

## פּאָעטן

מיר האָבן אַזעלכע פּראָסטע געזיכטער
אוןריידן געוויינלעכסטע רייד,
דער שײַן פֿון אונדזערע אויגן איז ניכטער
און וואָכעדיק זײַנען מיר אין אונדזער פֿרייד.

מיר גייען צו מאָלצײַטן. בײַם געגרייטן
טיש זיצן מיר אין אַרבעטס־רעק,
און ווען מיר באַגראָבן אַ נאָענטן טויטן
איז בײַ אונדז אַ טאָג ווי אַלע טעג.

אין קאַלטע פֿאַרטאָגן פֿאַרשלאָפֿענע, מידע,
אײַלן מיר זיך קומען צו דער בײַטש אין צײַט,
און טרײַבן פֿון זיך די יונגינקע לידער
ווי דעם שטוביקן הונט וואָס לויפֿט נאָך בײַ דער זײַט.

## *Poets*

We have such plain faces
and talk quite ordinary talk;
the glow from our eyes is sober,
our joy altogether commonplace.

When we go in to eat, we sit down
in work clothes at the table set for us,
and when we bury someone close
it's on a day like any other.

Half asleep in the cold dawns, we hurry
to get under the whip on time,
and we drive away the young little poems
like the house dog who tries to come running along.

*Irving Feldman*

אַ לויב דעם באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר אַ לויב!
„פאַר אַלץ, וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
„אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
„און וואויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט,
„פון פייערן דיינע פאַרברענט.
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט,
„צו פאַלן פון דורשטיקייט איצט אַף דיין ערד,
„ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
„און וואויל איז און וואויל איז און וואויל".

praise to the Creator singing:
"For cold and for heat, for sun and for rain,
for day and for night, be You praised.
For all that You send toward each man
praised be You, praised be You, praised,
and blessed am I that I am now burning,
in Your fires burning.
And if I am favored, and You have fated
that I fall to Your earth, my thirst unsated,
how blessèd am I and how blessèd and blessed
and blessèd and blessèd and blessed."

trans. Sarah Zweig Betsky

## Joseph Rolnick (1879-1899/1906-1955)

### שכנים

איך און דער דיכטער אײַזיק ראַבאָי
זײַנען שכנים, טיר בײַ טיר.
גיי איך אַ מאָל אַרײַן צו אים,
אַ מאָל קומט ער צו מיר.

צווישןביידן — מיר און אים,
נאָר ברעטער באַדעקט מיט טינק.
מיר הערן איינער דעם צווייטנס טריט —
איך רעכט, ער לינק.

מיר קענען זיך נאָך פֿון הענרי סטריט,
באַלד פֿינף און צוואַנציק יאָר.
געווען איין געזינד. מען רופֿט אונדז הײַנט:
„דער פֿריִערדיקער דור".

איך אַרבעט אין אַ ווערטערשטאַל,
ער — בײַ סייבל און מינק.
איך בין געשטימט אַ ביסעלע רעכט
און ער איז דורכויס לינק.

מיר ריידן ווי אַלטע גוטע פֿריינד,
מיר ריידן פשוט און עכט;
כאָטש ער איז דורך און דורכויס לינק
און איך — אַ קאַפּעלע רעכט.

און אַז מיר דערמאָנען זיך לעווינס קאַפֿע,
פֿינף טרעפּלעך אַראָפּצוגיין,
הייבט אָן אַ וואַרעמער, ווייכער טוי
איבער אונדזערע גלידער צעגיין.

און אַז מיר דערמאָנען זיך אונדזער היים,
איך „מיר" און „רישקאַן" ער,
בין איך ניט מער א ביסעלע רעכט
און ער איז לינק ניט מער.

מײַן טאַטע האָט געהאַט אַ וואַסערמיל,
זײַן טאַטע — וועגן מיט פֿערד.
אונדזער ראָד האָט זיך אין וואַסער געדרייט
און זײַנע אויף דער ערד.

מיר ריידן פֿון שבת און וואָכנטעג,
פֿון מאכלים אַלערליי;
וואָס מען פֿאַרגרייט אויף יום־טובֿ בײַ אונדז
און וואָס מען קאָכט בײַ זיי.

מיר ריידן ווי אַלטע גוטע פֿרײַנד,
מיר ריידן האַרציק און עכט —
כאָטש ער איז דורך און דורכויס לינק
און איך בין אַ קאַפּעלע רעכט.

### *Neighbors*

I and the poet Isaac Raboy
are next-door neighbors.
Maybe I drop in at his place,
or he comes over to me.

Between us—me and him—
only plaster over some lath.
Each one hears the other walking—
I on the right, Isaac the left.

We go back twenty-five years
together—to Henry Street.
Like one family then. And now
they call us "the old-timers."

I work in a word stable,
and he at marten and mink.
I lean a little to the right,
and he is thoroughly left.

We talk like good old friends,
we talk plainly and honestly,
though he's left through and through
and I—just a bit to the right.

And when we remember Levine's Cafe,
those five steps down,

a soft warm dew starts
to melt through our limbs.

And when we remember home,
Mir is mine, his Rishkan,
I'm no longer a little bit right
and he's not left anymore.

My father owned a flour mill,
his father, horses and wagons.
Our wheel turned in the water
and his ran over the earth.

We talk of Sabbath and weekdays,
about all kinds of foods,
what we prepared for the holidays,
what they were cooking in Rishkan.

We talk like old, good friends,
we speak from the heart and honestly—
though he is left through and through
and I just a bit on the right.

*Irving Feldman*

*Joseph Rolnik*

מיר האָבן דעם מחזור אויסגעזונגען
און פֿון קאָרטש אויף קאָרטש ווי ייִנגלעך געשפּרונגען.
צוריק זײַנען מיר געגאַנגען מיטן לענגערן וועג,
איבער בערג און טאָלן, טאָלן און בערג.
און אַז מיר זײַנען אַהיים אָנגעקומען,
מיט פֿאַרשטויבטע פֿיס, און פֿאַרטריקנטן גומען,
האָבן מיר מיל און שטוב, שײַער און בריק
ניט דערקענט אויפֿן ערשטן בליק.
אפֿשר ווײַל מיר זײַנען געקומען פֿון אַן אַנדער זײַט
און אין אַזאַ אומגעוויינלעכער צײַט.

*Joseph Rolnik*

but we sang our prayer book out
and leapt from stump to stump like boys.
Going back, we took the longer way,
over mountains and valleys, valleys and mountains.
And when we got home
with dusty feet and dry tongues,
at first sight
we didn't recognize the barn and bridge,
the mill and house,
coming as we did from a different side
and at such an odd hour.

*Irving Feldman*

## די סעטקע

דעם קרעטשמערס זון, אויסגעבאָדן און פֿריש,
איז געקומען און געזאָגט צו מיר:
— נאָמיר גיין צום „ראַוואָק" כאַפּן פֿיש.
די סעטקע האָט זיך געטריקנט אויף דער זון,
דער „בויט" איז געשטאַנען לעבן איר —
אַ מאַמע מיט איר אויסגעוואָקסענעם זון.
מײַן חבֿר איז געווען העכער פֿון מיר
און עלטער מיט עטלעכע יאָר;
נאָר דאָרט וווּ הײַזער זײַנען דרײַ צי פֿיר
איז ניט קיין גלײַכע פּאָר — אַ פּאָר.
ער האָט פֿאַרוואָרפֿן די נעץ מיטן שטעקן אויפֿן קאַרק
און איך האָב געטראָגן דעם עמער אין האַנט.
ער איז געווען הויך און שטאַרק
און איך האָב אונטערגעשפּרונגען דאָרט
וווּ ער האָט בלויז געשפּאַנט.
עס האָט לאַנג ניט גענומען צו קומען צום אָרט.
געווען איז דער „ראַוואָק"
ניט ברייט ווי דער ים
און ניט טיף ווי דער תּהום
נאָר דער שמאָלער שטראָם
איבערן ווייכן גרונט

האָט זיך מיט אימפּעט געיאָגט
ווי ביר פֿון אַ פֿאַס
מיט אַן אָפֿענעם שפּונט.
און בײַ דער זײַט דאָס גראָז
איז געווען אײַנגעלייגט און נאַס.
מײַן חבֿר האָט אײַנגעשפּאַרט די סעטקע מיטן נאָז,
דער שטראָם זאָל זי ניט פֿאַרטראָגן.
און איך בין פֿאַרלאָפֿן

## The Net

Bathed and fresh, the innkeeper's son
came over and said,
Let's go fishing in the Ravok.
The net was drying in the sun,
the paddle stood beside it—
a mother and her grown-up kid.
My pal was bigger than me
and older by a couple of years,
but when there are only three or four houses,
an unmatched pair is still—a pair.
Over his shoulder went the net and pole,
I carried the pail.
He was tall and strong
and I had to hustle
not to get left behind.
We got there pretty quick.
The Ravok was not
as wide as the sea
or as deep as the pit,
but its slender stream
ran over its soft bed

cheerfully
like beer flowing from
the open spout of a keg.
The grass along its banks
was matted and wet.
He laid the net in by its nose
to keep it from being carried off.
And I ran back upstream

---

*Ravok:* a river near the poet's birthplace.

אַ שטיק
אויף צוריק
מיטן „בויט” אין די הענט
און דעם וואַסער געפּאַטשט און געשלאָגן.
געפּאַטשט און געלאָפֿן געשווינד
מיט אימפּעט און געשריי
און געפּאָרקעט אין די שליימיקע ווענט,
ווו אַ פּלאָטקע האָט זיך ערגעץ פֿאַרשלאָפֿן.
ביז וואַסער איז געוואָרן טינט
און שוים — געפֿאַלענער שניי.
און אַז ער האָט די נעץ אַרויסגעצויגן
איז זי געווען פֿול מיט וואַסעראויגן,
און דורך די שלייפֿלעך, ביזן העלפֿט אַרויסגערוקט,
האָבן פֿישלעך ווי דורך אַ פֿענצטער געקוקט
און מיט די עקלעך קאָקעטיש געדרייט
אַנטקעגן דעם טרוקענעם טויט.

a little way with the paddle
and slapped and beat the water.
I slapped and I ran fast,
yelling out loud,
and poked at the slimy banks,
wherever a fish was drowsing,
until water turned to ink
and foamed—like fallen snow.
And when he hauled it in,
the net was filled with water-eyes,
and through the loops, stuck halfway out,
fish peered as if through windows
and wriggled their tails coquettishly
before dry death.

*Irving Feldman*

## דער ערשטער פּאַפּיראָס

דער ערשטער שבתדיקער פּאַפּיראָס אין מויל,
אין אַ פֿראָסטיקן פֿרײַטיק צו נאַכט,
האָט מיר ניט געשמעקט אַזוי וווויל.
איך האָב געפּירכעט און געהוסט,
נאָר ציִען האָב איך געמוזט —
איך האָב עס פֿאַר מײַן ערשטער עבֿירה געמאַכט.

אַזוי האָט שלמה ראַסקאָסערס זון
פֿאַרלאָזט דער מאַמעס שבתדיקן טיש,
אַוועק צום גוי פֿאַרזוכן חזיר אַ שטיק.

דאָס חזיר־פֿלייש איז געווען ניט פֿריש
און עס האָט דעם איידעלן ייִנגל דערפֿון
געאיבלט אין האַלדז און געשטיקט.

און מיר אַלע פֿון יונגן דור —
מיר האָבן גערעדט הויך מיאוסע רייד
הינטער מיידלשע פּלייצעס און ווײַבערשן קלייד.
מיר האָבן דעם שלאָף פֿון די פֿרומע געשטערט,
און שילדן אויף קראָמען איבערגעקערט,
און זאַכן געטאָן אָפּט וואָס מיר האָבן ניט האָלט,
ווײַל וועקן גאָטס צאָרן מיר האָבן געוואָלט.
עס האָט אונדז געשטאָכן די זעכצן יאָר,
ווי עס שטעכט דער זעטיקער האָבער דעם פֿערד.

און גאָט וואָס האָט איבער אונדז אַלע געוואַכט,
אַנטקעגן וועמען מיר האָבן מיט העזה גערעדט,
איז געזעסן אין הימל אויף זײַן העסעבעט,
און אין ווײַסן באָרד אַרײַנגעלאַכט.

## The First Cigarette

My first Sabbath cigarette between my lips
one frosty Friday night
didn't taste awfully good.
I snorted and I coughed
but had to give it a drag.
This I took to be my first transgression.

So too Shloime Raskoser's son
got up from his mother's Sabbath table
to eat pig at the Gentile's place.

But that sensitive young kid
couldn't stomach stale pork—
he gagged and felt sick.

And all our young generation,
we were loud with foul talk
behind girls' backs and women's dresses.
We troubled the sleep of the pious,
knocking store signs over,
and did lots of things we didn't like,
all because we wanted to rouse God's wrath—
being pricked on by our sixteen years
the way ripe oats will prick a horse.

And God who watched over us all,
God against whom we talked with such impudence,
sat there on his throne in heaven
and laughed into his deep white beard.

*Irving Feldman*